# תוכן השיחות בעת ניחום אבלים אצל רבינו שליט"א
# על פטירת אחיו כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל
# יום ג' פרשת שלח כ"ב סיון תשע"ח לפ"ק - אחה"צ ובערב

## בענין חלונות פתוחים בבית האבל

**הר"ר שמעון דוד גראזינגער** (מגבאי חברה קדישא דקהלתנו הק'): וואס איז דער מקור פון דאס וואס איך האב געהערט, אז מען האלט אפען די פענסטער די גאנצע שבעה, ווייל די נשמה דרייט זיך דארט ארום א גאנצע וואך, ער גייט אריין און ארויס אויף די פלאץ וואו ער האט געלעבט. איך האב עס אין ערגעץ נישט געזעהן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אז ער קען ארויסגיין דורך א צוגעמאכטע פענסטער, קען ער אויך אריינקומען דורך א צוגעמאכטע פענסטער.

**רבינו:** אפשר פאר א זכר.

**א' מהנוכחים:** דער **קאשוי'ער רב זצ"ל** האט מקפיד געווען אז ער איז קיינמאל נישט געשלאפן מיט א צוגעמאכטע פענסטער.

**רבינו:** ביי דעם **בעלזער רב זצ"ל** איז געווען פארקערט, ער איז קיינמאל נישט געווען אין צימער מיט א אפענע פענסטער, עס איז אלץ געווען פארמאכט. זומער און ווינטער זענען געווען פארמאכט די פענסטערס.

## נסיעת הרה"ק מסאטמאר זצ"ל במקומות הנופש

**אב"ד אוהעל:** מען האט אמאל געמוטשעט מיין טאטן ז"ל (**הגה"צ רבי אלעזר מייזליש זצ"ל** אב"ד אוהעל) אז ער זאל רעדן מיטן **סאטמארער רבי'ן ז"ל**, אז ער זאל בלייבן לענגער אין פלארידא. אנפאנג פלעגט ער פארן נאר אויף פיר וואכן. און דער רבי האט אים געזאגט, עס איז מיר נישט גוט דא. האט ער אים געזאגט, אבער מיר הייסט דאך דער רבי אז איך זאל בלייבן דא. האט ער אים געזאגט, איר ליידט אויפן הארץ, פאר די הארץ איז מיאמי גוט, אבער איך לייד אויפן מאגען, און פארן מאגען איז עס נישט גוט. א אלטע שאנק ריקט מען נישט פון פלאץ.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער פלעגט צו פארן יעדעס יאר.

**אב"ד אוהעל:** אנפאנג פלעגט ער פארן נאר אויף פיר וואכען, שפעטער איז ער שוין געבליבן אביסל לענגער.

**רבינו:** ער האט נישט געקענט בלייבן צו לאנג, ווייל ער האט געוואלט אהיימקומען צו די יארצייט (של אביו **הרה"ק בעל קדושת יום טוב זצ"ל**), ערב ראש חודש אדר, און אוועקגעפארן איז ער אנפאנג שובבי"ם.

א יוד האט מיר פארציילט, אז דער **סאטמארער רב** איז אמאל געווען שובבי"ם אין טשיקאגא, און דער **ווייצענער רב** האט אים געזאגט פרייטאג, נו, וועלן די טשיקאגא'ער יודען אויך איינמאל הערן א שובבי"ם תורה. האט אים דער **סאטמארער רב** געזאגט, ניין, איך גיי נישט רעדן, ווייל איך דארף האבן דעם עולם אויך דערצו... (ועיין בגליון '**דברי תורה**' שבת התוועדות פ' שמות תשע"ד לפ"ק).

## בענין הנחת תפילין דר"ת בימי השבעה

**הרה"ג רבי חיים דוב ווייסבערג שליט"א:** דער רב טוט אן רבינו תם'ס תפילין?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אין מגלין...

**הגרח"ד ווייסבערג:** איך האב אמאל געהערט פון רבי ראובן גראס, ער איז געווען ראש ישיבה אין שער השמים, האט ער מיר געזאגט, אז ווען דער **בילגורייער רב** איז אוועק, האט דער **בעלזער רב** געלייגט רבינו תם תפילין. און מען האט אים געפרעגט, האט ער געזאגט, דא איז דער מרא דאתרא דער **הייליגער רש"ש**. דער **רש"ש** לייגט אראפ שטארקע נימוקים פארוואס מען דארף לייגען רבינו תם תפילין.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **רש"ש** האט געלייגט תפילין דעם ערשטען טאג?

**הגרח"ד ווייסבערג:** מען זאגט אז דער **סאטמארער רב** האט געלייגט דעם ערשטען טאג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב געהערט פון רבי יוסל אשכנזי אז ער האט נישט געלייגט. דער **סאטמארער רב** איז געווען א שלחן ערוך מענטש, ער האט נישט עובר געווען אויפן שלחן ערוך.

## אודות המהרש"ג מסעמיהאלי זצ"ל, ועוד ושיחה על שנות המלחמה

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איר האט געקענט דעם ברודער?

**האדמו"ר מווערדאן:** יא, אוודאי. איינמאל האב איך אים געהערט רעדן ביי א שמחה.

**א' מהמשמשים:** דער רבי האט גוט געקענט דעם טאטן (הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל).

**האדמו"ר מווערדאן:** דער **סאמבאטהעלי רב** איז געווען מוהל ביי אלע מיינע קינדער.

**רבינו:** אונז האב מיר א עקסטערע קירבות מיט **רבי שיימע פון מאנטריאל** (ה"ה הגה"צ רבי שמעי' שווארץ זצ"ל רב דקיט"ל במאנטריאל, גיסו של האדמו"ר מווערדאן שליט"א), ער איז א שוועסטער קינד פאר אונז (אביו היה גיסו של הגה"צ רבי ישעי' פאללאק זצ"ל אב"ד וואדקערט – חו"ז של **רבינו שליט"א**).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער איז געווען א ווארימער יוד.

**האדמו"ר מווערדאן:** ער פלעגט דאווענען זייער לאנגזאם, ווארט ביי ווארט. איך געדענק, איך בין געווען ביי אים עטליכע מאל, איך בין נאך געלעגן אין בעט, און ער האט שוין געהאט אראפגעגאנגען, ער האט געזאגט די ברכות פון השכמת הבוקר ווארט ביי ווארט, עס האט מיר אזוי מעורר געווען. אסאך מאל האב איך דאס שוין גענוצט פאר מענטשען וואס קומען און זאגן, אז ער האט נישט קיין חשק צו לערנען און דאווענען, געב איך די סגולה, ער זאל זאגן ווארט ביי ווארט, דעמאלטס איז עס עושה רושם.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די גמרא (נדרים פא:) דרשנ'ט על עזבם את תורתי (ירמיה ט-יא), שלא ברכו בתורה תחלה. זעהט זיך אויס, אז ווען מען וואלט ווען געמאכט ברכת התורה אזוי ווי עס דארף צו זיין, וואלט נישט געווען קיין עזבם את תורתי.

**האדמו"ר מווערדאן:** אלעס איז געווען ביי אים בכל כחו, זיין ליינען וכו'.

**רבינו:** זיין לערנען איז אויך געווען הויך, מיט א קול.

**האדמו"ר מווערדאן:** ער איז אוועק יום הקדוש. ער איז טאקע געווען דער בעל מוסף, ער האט נאך פארגעלערנט א שיעור דארט אויך.

ער האט געהאט א גוטען רבי, דער **מהרש"ג**. ער פלעגט כסדר רעדן פונעם **סעמיהאלער רב**. מען האט געהאלטן דעם **סעמיהאי'ער רב** אלץ א געוואלדיגער לערנער אויפן דף, אפילו היינט ווען מען קוקט אריין אין די תשובות (מהרש"ג) ווערט מען זייער נתפעל, מען זעהט גרויס גאונות.

**רבינו:** ביי די קריג זענט עטץ געווען דאהי?

**האדמו"ר מווערדאן:** ניין, נאכן קריג זענען מיר אהער געקומען. איך בין געווען א מרבה ישיבה. צו איך בין געווען א מרבה חכמה, ווייס איך נישט...

**רבינו:** וואו?

**האדמו"ר מווערדאן:** איך בין געווען אין כמה ישיבות. קודם ביים **מאטערסדארף'ער רב**. ער האט געהאט א ישיבה אין די איסט סייד.

**רבינו:** ער איז נאך געקומען פארן קריג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מיטן **צעהלימער רב**.

**האדמו"ר מווערדאן:** נאכדעם בין איך געווען אין נייטרא. איך געדענק אז **רבי יונתן שטייף זצ"ל** איז ארויסגעקומען און געזאגט א שיעור אין מסכת פסחים. **רבי מיכאל בער זצ"ל** האט אויך געזאגט. ער פלעגט אסאך וויינען. ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן. די בלעטער פון סידור זענען געווען דורך געווייקט פון די טרערן, ער האט באקומען א הארץ פעלער פון אזויפיל בכיות.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט געוויינט פון צרות ישראל, ער האט דאך נעבעך געוואוסט די אלע זאכן וואס איז געווען דארט אונטער די קוליסן.

**האדמו"ר מווערדאן:** ווי ער האט זיך געוואגט מיט די מלאכי חבלה אליין. עס איז געווען א סכנה, מען האט אים געקענט שיסן אויפן פלאץ. די שנאה איז געווען אזוי שטארק, מען האט נישט קיין אנונג ווי אזוי מען האט געקענט איינפלאנצן אזא שנאה קעגן א יוד. א יוד איז געווען גארנישט. – פון דא זעהט מען ווייטער פארקערט, ווי גרויס א יוד איז, אז די שנאה איז געווען עד אין לשער. און ער האט זיך געוואגט אקעגן צו שטעלן, און האנדלן, אז זיי זאלן לאזן

די יודען. עס איז געווען א גזירה וואס אפילו ביי בית ראשון איז נישט געווען דאס וואס איז דא געווען. דער עולם ווייסט נישט די פרטים וואס מען האט אלץ געטון מיט יודען, און אז מען הערט די פרטי פרטים איז עס אומגלויבליך. מיר זענען אנגעקומען מיט די גאנצע משפחה קיין אושוויץ, און מיין טאטע האט מען געשטעלט אויף די לינקע זייט, און איך מיט א ברודער אויף די רעכטע זייט...

איך טראכט אלעמאל, צו כביכול האט שוין גרייט דעם עונש און די נקמה וואס עס קומט זיך פאר די אלע רשעים. צו עס וועט קענען באשאפן ווערן אפילו אזא סארט עונש, וואס וועט זיין גענוג זיי אפצוצאהלן, נישט סתם.

עס איז נסים ונפלאות, אז מיר זענען היינט געבליבן א שארית פון דארט ארויסצוגיין. ווען ער וואלט ווען געלעבט, וואלט ער זיך אויך אליין באגראבן. ער האט געמיינט אז עס וועט נישט בלייבן איין יוד, און דערווייל האט ער דאס נישט אויסגעפירט. ער האט שוין גענוג אויסגעפירט, אבער ליידער...

איך האב געהערט נאכזאגן פון די משפחה, פון איינער פון די קינדער פון **רבי מרדכי'לע נאדבורנער**, אז אמאל ווען ער האט גערעדט פון דעם ביטערן זמן וואס עס וועט קומען, האט ער געזאגט, מרדכי זעהט אז עס וועט קומען א שווערע צייט. זאגט ער, וואס טוהן די שעפעלעך ווען די חזירים צווילדעווען זיך. דער שומר פון די שעפעלעך ווארפט ארויף אסאך שטרוי אויף די חזירים, אז זיי זאלן זיין פארנומען מיט זיך אליין, אז זיי זאלן נישט קענען שעדיגן די שעפעלעך. זאגט ער, אז עס שטייט אין תהלים אויף די אומות העולם (פ-יד) יכרסמנה חזיר מיער, זיי ווילן שעדיגן כלל ישראל, עס וועט נישט זיין ווער עס וועט קענען שעדיגן. מען וועט זיי מאכן פארנומען אז זיי זאלן נישט האבן קיין שליטה. האט ער ווייטער געזאגט, אין מיינע צייטן וועט עס נישט זיין, ביי מיינע קינדער וועט עס נישט זיין, אבער ביי מיינע אייניקלעך וועט עס זיין. איך בין טאקע געגאנגען מיט מיין טאטן קיין אושוויץ. - זעהט אויס, אז ער האט נישט געקענט אפשרייען די גזרה, כאטש עס זענען געווען גזירות וואס ער האט אפגעשריגן, אבער דאס האט ער געזעהן אז עס איז נישט מעגליך. און מען זעהט טאקע, אז וויפיל מאל מען האט געוואלט אומברענגען דעם שונא ישראל, איז עס אלץ נישט געלונגען.

**רבי מרדכי נאדבורנער** האט אויך פארלוירן א טאכטער בחייו. ווען איך בין אהער געקומען איז געווען א נאדבורנא בית המדרש אין די איסט סייד, און עס איז געווען דארט א אלטער יוד, האט ער געזאגט, אז ווען **רבי מרדכי'לע** האט פארלוירן א טאכטער, האט ער זיך אראפגעלאזט אינעם קבר, און ער האט אויסגעטאפט, און ער האט געזאגט, זארג דיך נישט, די ווערים וועלן נישט האבן אין דיר קיין שליטה. אזוי האט אן אלטער יוד מיר דערציילט.

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, עס זאל שוין בטל ווערן אלע גזירות, מען זאל שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה. ווער דען איז בארעכטיגט אויב נישט כלל ישראל וואס האט אזויפיל מיטגעמאכט, זיי זענען דאך זיכער בארעכטיגט אז עס זאל שוין קומען משיח צדקנו, און אלע זאלן עס דערלעבן, עס זאל זיין סוף וקץ לכל צרותינו.

## השתתפות בשמחות בשנת האבילות

**רבינו** (פנה להרה"ג **רבי עקיבא לודמיר שליט"א** אב"ד פרעשבורג): מען האט אביסל פארשטערט ענקער שמחה (שהשיא בשבוע העעל"ט את בתו עם נכד **הגה"צ אב"ד גראסווארדיין שליט"א** - גיסו של **רבינו שליט"א**). די שוועסטער האט חתונה געמאכט א אייניקל די וואך, און שבת איז געווען שבע ברכות, און דאס האט פאסירט פרייטאג.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז געווען מעבירין את המת מפני הכלה (כתובות יז.). עס איז געווען אין פלאן אנטייל צו נעמען ביי די שבת שבע ברכות.

מען האט נעכטען פארציילט דא (הרה"ג **רבי חיים דוב ווייסבערג שליט"א**), אז אלס אבל אין די יאר האט ער געפרעגט **רבי פיש'לע** (הערשקאוויטש זצ"ל אב"ד האליין), אז זיין שוועסטער האט חתונה געמאכט, צו ער קען גיין פרייטאג צו נאכטס צו די שבע ברכות. האט ער אים געענטפערט,

זיכער נישט. האט ער געפרעגט דעם **קאשויא'ער רב זצ"ל**, זאגט ער אים, שעמסט זיך נישט, דו זאלסט מיר פרעגן אזא שאלה, עס פאסט פאר אמעריקאנער יודען.

**רבינו:** היינט איז עס א הלכה פסוקה...

**הגה"צ מסערדאהעלי:** זיי זענען געווען צוויי גרויסע רבנים, מורה הוראות. איך האב געהערט פון א יוד, אז ער האט געפרעגט דעם **בעלזער רב ז"ל**, עפעס א שאלה, און עס איז נישט געפעלען פארן **בעלזער רב** וואס ער פרעגט, האט ער אים געזאגט, מיינע יונגעלייט זאלן מיך פרעגן אזעלכע שאלות?! ער האט אפילו נישט געענטפערט אז נישט, נאר מיינע יונגעלייט זאלן מיר פרעגן אזעלכע שאלות?!

**א' מהנוכחים:** ביי די עלטערן איז אויך דא כיבוד אב, אויסער אבלות. עס איז דא א תשובה אין **מהר"ם שיק**.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** היינט זאגט מען אויף יעדע זאך, מחל על כבודו, יעדער איז מוחל אויף זיין כבוד. מען וועט באלד נישט ברויכן אפילו שבעה זיצן, ווייל ער איז מחל על כבודו.

**הרה"ג רבי חיים דוב ווייסבערג:** נשתנו העתים, ביי די זאכן איז געווארן זייער גרינג, מחמת חסרון ידיעה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** רבי **פיש'לע** האט געהייסן א מקיל.

**הגרח"ד ווייסבערג:** נישט אין אבלות, דארט האט ער זייער מחמיר געווען. איך מיין פשוט פארדעם, ווייל יעדער איז מקיל. **רבי פיש'לע** האט מיר אמאל געזאגט, אז וועו ער פארט אויף ארץ ישראל, גייט ער אויף אזעלכע קברים, ווי קיינער גייט נישט, ווייל דארט קען מען מער געהאלפן ווערן, ווייל ער פריידט זיך אז מען קומט. דאס איז אויך אזא הלכה מזנחת, האט ער אפשר פארדעם מער מחמיר געווען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז א מת מצוה.

**רבינו:** עס איז דא א תשובה אין **אגרות משה** (יו"ד סימן רנ"ה), אז דאס ווייב איז א אבילה, און דער מאן נישט, און ער וויל גיין צו א חתונה, און ער וויל נאר גיין מיט איר צוזאמען, צו זי מעג גיין, צו נישט. זאגט ער, אז אזוי ווי איר מצוה איז נאר אלץ כיבוד אב, און כלפי בעלה איז דאך נישט דא קיין כיבוד אב, ממילא מעג זי מיטגיין.

## בזמן הקמת מצבה ככלות השבעה

**הגרח"ד ווייסבערג:** עס ווערט געברענגט אז מען זאל שטעלן א מצבה ביי די שבעה, איז דא א שמועס וואס עס מיינט די שבעה. צו דארט זאגט מען אויך מקצת היום ככולו. עס שטייט נישט. לכאורה איז משמע על פי **האר"י**, אז דעם זיבעטן טאג זאל מען נישט לייגן, נאר דעם אכטן טאג.

**הגה"צ רבי ישראל דוד הארפענעס שליט"א אב"ד ישראל והזמנים:** אין **פתורא דאבא לרבינו חיים וויטאל** (פ' ויחי ובמפתחות) שטייט ביום השביעי עצמו.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** און ערגעץ אנדערש שטייט דעם אכטן טאג.

**אב"ד ישראל והזמנים:** אין **פלא יועץ** (ערך קבורה) שטייט אנדערש.

**הגרח"ד ווייסבערג:** אין **שער המצות** איז משמע אז עס דארף אדורכגיין גאנצע זיבן טעג.

**אב"ד ישראל והזמנים:** פון **רבי יעקב הלל**, דער ראש המקובלים, איז דא א תשובה, אז מען זאל לייגן דעם זיבעטן טאג.

**הגרח"ד ווייסבערג: רבי שריה דבלצקי** פון בני ברק, האט מיר געשריבן אז איך בין גערעכט, דער **קאשויער רב** האט אויך אזוי געהאלטן. ווייל אז מען לייגט א טאג שפעטער איז פאר די נשמה נישט אזוי געפערליך, ווי ווען מען לייגט אפילו איין מינוט פריער, ווייל דעמאלטס גייען די חיצונים קיינמאל נישט אוועק.

**אב"ד ישראל והזמנים:** אין **מנחת אלעזר** שטייט בפירוש אז מען זאל לייגען דעם זיבעטן טאג. אין **דברי תורה** (חלק ה' אות צח) איז דא א הספד אויף זיין מאמע, זי איז אוועק אחרון של פסח, און מען האט געשטעלט די מצבה דעם זיבעטן טאג. דער **קאשויא'ער רב** האט געהאלטן אז מען זאל לייגען דעם אכטען טאג, דאס איז א אלטער שמועס, עס איז א מחלוקת.

**הגה"צ רבי מנחם מאיר ווייסמאנדל שליט"א אב"ד נייטרא מאנסי: רבי מאיר בראנסדארפער זצ"ל** האט א שמועס דערויף, אז אלע זאכן וואס זענען ענינים און קבלה זאכען, איז נישט דא קיין מקצת היום ככולו.

**אב"ד ישראל והזמנים:** אין ירושלים איז דער מנהג אז מען שטעלט דעם זיבעטן טאג. **רבי משה ארי'**

**פריינד זצ"ל** (גאב"ד ירושלים) האט געזאגט, אז מען זאל מאכן עפעס א פשרה, אנהייבען צו בויען די מציבה דעם זיבעטן טאג (עיין בספר **מרא דשמעתתא** אות תכ"ז, ובספר **כתבי קודש - עטרת יהושע** דף קכ"ג).

**הגרח"ד ווייסבערג:** ביים **קאלוב'ער רבי זצ"ל** האט מען געלייגט די מצבה דעם זיבעטן טאג.

**אב"ד ישראל והזמנים:** ביים **קאשויער רב** איז געווען א אלטער בחור סענדר מענדל, און מען האט געלייגט די מצבה אינמיטן די שבעה. און דעמאלטס איז דער **קאשויא'ער רב** געווען זייער ברוגז, און ער האט געהייסען אז מען זאל צוברעכן די מצבה.

**הגרח"ד ווייסבערג:** היינט מאכן זיי די פאנדעשא"ן אין די שבעה, און די פאנדעשא"ן איז א חלק פון די מצבה.

**אב"ד ישראל והזמנים: רבי יעקב הלל** רעדט פון דעם, און ער זאגט, אז טאמער עס קומט ארויס פון די ערד ווייניגער פון א טפח, הייסט עס נישט א מצבה.

**רבינו:** פארוואס הייסט נישט דאס צעטל וואס מען לייגט אריין, א מצבה? עס איז דאך א סימן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** א מצבה איז א שטיין, אזוי ווי עס שטייט ביי רחל, היא מצבת קבורת רחל עד היום (בראשית לה-כ).

**אב"ד ישראל והזמנים:** עס שטייט פונעם **אר"י הק'** אז עס דארף זיין א בנין, א מקום פאר די רוחות וואס דרייען זיך דארט ארום, אז זיי זאלן האבן א פלאץ ווי צו זיין.

ביים **טאהשער רבי** האט מען אויך געלייגט דעם זיבעטן טאג, ער פלעגט אזוי פסקענען. ביי דעם **ברך משה** האט מען אויך געלייגט. און פאר זיין טאכטער האט ער אויך געלייגט דעם זיבעטן טאג. בקיצור עס איז דא צוויי דיעות אין דעם, אלו ואלו דברי אלקים חיים.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** טאמער מען לייגט דעם אכטן טאג האט מען דאך נישט דערלייגט, מען האט געלייגט א טאג שפעטער. אבער טאמער מען האט געלייגט א טאג פריער, אין לו תקנה, מען קען עס שוין נישט מתקן זיין.

**אב"ד ישראל והזמנים:** יא. אזוי שטייט אין **אר"י הק'** אז איינמאל די חברה זענען שוכן אויף די מצבה, דעמאלטס גייען זיי קיינמאל נישט אוועק פון דארט (והיינו אם מניחים בתוך השבעה), וועגן דעם האט דער **קאשויער רב** געהייסן צוברעכן די מצבה וואס מען האט געלייגט אינמיטן די שבעה, און לייגען א נייע מצבה. אבער צו מען זאל לייגען דעם זיבעטן טאג אדער דעם אכטן טאג, אויף דעם האט יעדער זיין קבלה.

**א' מהנוכחים:** דער יונגערמאן וואס האט צובראכן די מצבה, איז ער אים געקומען אין חלום, און ער האט אים באדאנקט.

---

## בזמן זמנים שונים לקץ הגאולה

---

**רבינו:** דער טאטע ז"ל האט אסאך פארברענגט זומער צוזאמען מיטן זיידען (**האדמו"ר מסקאליע זצ"ל**) אין האטעל אשל (בליווינגסטאן מענאר).

**האדמו"ר מסקאליע:** איך געדענק דעם טאטען זיצענדיג נעבן זיידן ז"ל ביי שלש סעודות. זיי האבן געהאט אזא אהבה און אזא קשר.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט אמאל אפגערופן צום טאטען, צו ער פארט ארויס זומער אין האטעל אשל. ווייל אויב נישט, קומט ער אויך נישט.

**האדמו"ר מסקאליע:** עס איז געווען א געוואלדיגע שיינע קשר. דער טאטע פלעגט אלץ אויסהערן די תורה פונעם זיידען ז"ל. דאס איז געווען איין זאך וואס ער האט געזאגט אינדרויסן, זמירות האט ער געזאגט אויבן ביי זיך אין צימער. צו שלש סעודות תורה פלעגט ער אראפקומען, צו די רבנים וואס זענען געווען דארט, דער טאטע איז געזעסן נעבן דעם זיידן ז"ל, און ער האט געזאגט שלש סעודות תורה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער טאטע פלעגט אלץ מפליא זיין, היה דורש כמין חומר.

**רבינו:** איך זאג אלץ, ווען איך בין געווען אמאל שבועות ביים זיידען, איך בין נאך געווען א יונגל, פאר די בר מצוה. ער פלעגט צו פירן דעם צווייטען טאג יום טוב א טיש, האט ער געזאגט, אז עס שטייט אין **חסד לאברהם** פונעם חיד"א'ס זיידע, אז שנת תש"ס וועט זיין די קץ פון די גאולה, עפעס אזא מין לשון האט ער נאכגעזאגט. האט ער געזאגט, אז שבועות גייט מען ארויס פון גלות, אין זכות פון תורה וואס מען האט מקבל געווען, וועגן דעם איז עצר"ת

בגימטריא תש"ס. עס ליגט מיר אזוי אין די ביינער, עס איז געווען בערך תש"כ, און ער האט געזאגט תש"ס קומט הערשט משיח, עס איז אזא דבר רחוק געווען דעמאלטס, און היינט האלט מען שוין תשע"ח.

**האדמו"ר מסקאליע:** איינער איז ארייגעקומען צום זיידען ז"ל תשל"ו, און ער האט געזאגט אז עס שטייט אין **ליקוטי תורה** פונעם **אר"י הק'** אז תשל"ו איז קץ הימין, צו ער זאל פארקויפן זיין הויז. האט אים דער זיידע געזאגט, עולם כמנהגו נוהג, יעדער איינער זאל טון אזוי ווי ער טוט, און ווען ער וועט קומען, וועט עס זיין.

**רבינו:** ווען דער ברודער (הנפטר זצ"ל) האט חתונה געהאט אין תולדות אהרן, איז געווען תשכ"ט, און דער טאטע האט זיך אויסגעהאנדלט זיבן יאר קעסט, ביז תשל"ו, ווייל פון תשל"ו וועט זיך משיח זארגען.

**האדמו"ר מסקאליע:** עס איז דא פונעם **קאזיגלוב'ער רב**, אז דער זמן וואס שטייט אין **זוהר הק'** און די זמנים נאכדעם, יעדע פון די זמנים איז נישט לריק. דער בית המקדש דארף אראפקומען פון אצילות צו בריאה, פון בריאה צו יצירה, פון יצירה צו עשיה, יעצט איז עס צו קאפ'נס, אזוי האט דער קאזיגלוב'ער געזאגט.

**רבינו:** אין **נזר הקודש** (ב"ר צח-ג) שטייט, אז דער באשעפער איז משנה עתים ומחליף את הזמנים, די אלע זמנים וועלן צוזאמקומען צוזאמען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **שינאווער רב** האט דאך געהאלטן אז אין תרס"ו קומט משיח.

**רבינו:** סתר"ו יושר.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער איז אוועק אין שנת תרנ"ט. אין די הייליגע טעג פון תרנ"ט האט ער געזאגט, ברוך ה' מען האט שוין אריינגעטרעטן אין שבוע שבן דוד בא בו. די טאטע ז"ל פלעגט דערציילן אז ער האט געהערט פון א אייניקל פונעם **שינאווער רב**, אז א יוד איז געקומען צום שינאווער רב, און ער פרעגט אים אז ער האט צוויי ברירות, מען טראגט אים אן אז ער זאל אפקויפן א גרויסע גוט פאר חצי בחנם. עס איז ווערט צען מיליאן דאלער, און ער קען עס אפקויפן פאר א מיליאן דאלער. אדער קען ער עס אפדינגען און צאלן שכירות, וואס ער זאל טוהן. זאגט אים דער **שינאווא רב**, אין תרס"ו קומט דאך משיח. נו, עס איז דאך יעצט דא אכט יאר ביז אהין. נו, אכט יאר וויפיל שכירות דארף מען שוין באצאלן, הונדערט טויזנט דאלער א יאר, בין תרס"ו איז אכט הונדערט טויזנט דאלער. וואס האסטו עס פון אפקויפן, בעסער איז, אז דו זאלסט עס נעמען פאר שכירות. און עס איז דארט געזעסן איינער פון די אייניקלעך, און ווען דער יוד איז ארויס געגאנגען, האט ער געזאגט, זיידע, פארוואס האסטו אים נישט געלאזט אפקויפן דעם הויז, אז משיח וועט קומען, וועט מען דאך ממילא אויסרייסן פונעם גוי די גאנצע געלט. זאל ער קודם כל אפקויפן די הויז, און ווען משיח וועט קומען, וועט מען ממילא צוריק האבן דאס גאנצע געלט. און דער **שינאווער רב** האט זיך נישט געלאזט, משיח קומט תרס"ו, און עס איז א עבירה אויסצוגעבן געלט.

**הגה"צ ר"ב כהנא שליט"א האדמו"ר מקארלסבורג וומסב"ג:** אויף תש"א זענען געווען צדיקים וואס האבן געשוואוירן אז ער קומט נישט דעם יאר, ווייל עס איז געווען אזא התעוררות ביים עולם אז שנת תש"א וועט ער זיכער קומען, און מען האט מורא געהאט אז אויב ער וועט נישט אנקומען, וועט חלילה פאלן די אמונה, האט מען געשוואוירן אז ער וועט נישט קומען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** כי תש"א את ראש.

**א' מהנוכחים:** אין **אור לשמים** (פרשת בלק) אויפן פסוק (במדבר כד-כב) עד מה אשור תשבך, שטייט דארט אז מען האט נישט געדרוקט וואס עס שטייט, על פי ציווי צדיקי הדור. און ממילא שטייט א צווייטע פשט. ער האט געהאט געשריבן, אז תשכ"ב וועט משיח קומען, און דער **צאנזער רב** האט געזאגט, אז מטעם הכמוס זאל מען עס נישט דרוקן.

**רבינו:** דאס מיינט כלו כל הקיצין (סנהדרין צז.), אלעס וואס מען האט געזאגט אז עס די קץ, איז שוין אדורכגעגאנגען.

**האדמו"ר מקארלסבורג וומסב"ג:** מען דערציילט נאך, אז דער **רבי ר' אלימלך** האט צוגעזאגט, אז ווען ער וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט, וועט ער נישט רוען ביז מען וועט נישט מבטל זיין די גזירה וואס יודישע קינדער דארפן דינען אין מיליטער. עס איז אדורך אפאר יאר, און די

גזירה איז געווארן שווערער, איז זיין זון **רבי אלעזר** געגאנגען אויפן ציון, און ער האט שטארק מתפלל געווען, אז ער האט דאך צוגעזאגט אז ער וועט נישט רוען. האט ער זיך געחלומ'ט ביינאכט, אז דער **רבי ר' אלימלך** האט אים געזאגט, וואס זאל איך טון, דא אויבן זעה איך די געוואלדיגע זאכן וואס איז דא דערין, דא קען מען נישט. דו אויף דער וועלט קענסט איינרייסן. און ער איז געווען זייער פארוואונדערט וואס האט דער באשעפער פון די יודען וואס דינען אין מיליטער.

נישט ווייט פון ליזענסק איז געווען אזא קאסערנע פון די מיליטער, און אמאל ביינאכט האט ער שפאצירט אהין, קוקען צו ער קען זעהן וואס זיי טוען דארט. עס איז געווען אינמיטן די נאכט, און פונקט זענען צוויי יודען געווען געשטעלט אלץ שומרים, און זיי האבן זיך ארומגעדרייט ארום דעם גדר קוקען צו מען כאפט זיך נישט אריין. און זיי פלעגן זיך טרעפן איינס אקעגן דעם צווייטן, האט מען געדארפט עפעס זאגן, אז מען זאל וויסן אז עס איז זיינע חברה, און עס קומט נישט אקעגן א צווייטער. האט ער געהערט ווי איינער זאגט פארן צווייטען, שכינתא בגלותא וי, און דער צווייטער ענטפערט אים, וי שכינתא בגלותא. ווען ער האט דאס געזעהן, אז צוויי יודען פון די מיליטער קענען דאס ביינאכט ארומרעדן, האט ער שוין אביסל פארשטאנען וואס דער באשעפער האט פון דעם.

**האדמו"ר מסקאליע:** מיין זיידע ז"ל פלעגט נאכזאגן פונעם זיידען דער **רבי ר' ברוך פון מעזיבוז זי"ע**, אז מען האט געוואלט זעהן א צדיק נסתר, האט ער געזאגט, גיי אין דעם און דעם שטאט, און בחצות הלילה זאלסטו שטיין אין דעם און דעם ווינקל, וועסטו הערן א צדיק נסתר זאגט וי שכינתא בגלותא. האט דער זיידע ז"ל געזאגט, איזהו מקומן של זבחים, וואו איז דער מקומן של זבחים. ווען דער רבי ברוך'ל האט אים געשיקט, האט ער געהערט וי שכינתא בגלותא.

**רבינו:** די ערשטע העלפט מעשה שטייט אין **דברי תורה** פונעם **מונקאטשער רב**. די צווייטע העלפט געדענק איך נישט אז ער זאל צוברענגען.

**א' מהנוכחים:** ער שרייבט, אז די תלמידים זענען ארויף צום ציון פונעם **רבי ר' אלימלך זצ"ל**.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס שטייט אזא לשון, אז איך האב ענק געזאגט, עטץ זאלטס מתפלל זיין פאר מיין אריכת ימים, ווייל ווען איך וואלט ווען געווען אויף די וועלט, וואלט איך געקענט פועל'ן, אבער אויבן זעהט מען אז אלעס איז לטובה.

---

## אלו ואלו דברי אלקים חיים

---

**א' מהנוכחים:** עס איז געווען א יוד רבי משה פראנצויז ע"ה, פון די בעקעריי, ער פלעגט קומען אהער הערן די דרשות, און ער פלעגט אויך גיין קיין וויען צו הערן די דרשות. האט ער מיר אמאל געזאגט, אז ער הערט ביידע דרשות, אין תולדות אהרן הערט ער ווי געפערליך דער גיהנם איז, און אין וויען הערט ער ווי וואויל די גן עדן איז.

**רבינו:** אין אנהייב פון די דרשה רעדט מען פון גיהנם, און אין סוף רעדט מען פון גן עדן. דא האט ער געהערט די ערשטע העלפט, און דארט האט ער געהערט די צווייטע העלפט.

---

## אודות הגה"ק משאמלויא זצ"ל וספריו

---

**א' מהנוכחים:** ער האט געהייסען נאכן **שאמלויא'ער רב.**

**רבינו:** עס איז אויך די יארצייט יעצט י"א סיון.

**הרב אהרן אלעזר מיללער שליט"א:** מיין טאטע האט מיר דערציילט אז ער האט געהערט אסאך דרשות פונעם **שאמלויא'ער רב**, וואס ער האט געזאגט אין סערדאהעלי.

**רבינו:** מן הסתם ביי די חתונות, ווען דען האט ער געקענט זיין דארט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער איז געפארן אהין אויף שבתים.

**רבינו:** ער איז געווען אויף שבת ווען דער זיידע איז געווארן רב. און אפשר נאכדעם אויף א חתונה.

**הרא"א מיללער:** ווען דער זיידע האט חתונה געמאכט איז ער געקומען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** און דעמאלט איז ער מן הסתם געווען אויף שבת אויך.

**רבינו:** יא, ביי די חתונות איז ער געווען, אבער אויסער דעם ווייס איך נישט.

**הרא"א מיללער:** ביי די חתונות האט מען אויך געזאגט דרשות.

**הרה"ג רבי העניך אשכנזי שליט"א אב"ד אבני צדק:** עס איז דא אין **דרשות לחם שלמה** דרשות וואס ער האט געזאגט אין די שווערע צייטן.

**רבינו:** ביז תש"ד, די לעצטע דרשה. די לעצטע דרשה שבת הגדול האט ער זיך פארגעשריבן, און ער האט צוגעשריבן נאכדעם אז ער האט עס נישט געזאגט. זעהט אויס אז ער האט שוין נישט געקענט זאגן.

עס איז א פלא, אז ער האט געהאט א בוך ווי ער האט אריינגעשריבן די דרשות פון תרצ"ב ביז תש"ד, און ביי די לעצטע עמוד האט ער געענדיגט די לעצטע דרשה.

**אב"ד אבני צדק:** אזויפיל דרשות, און אזויפיל כתבי ידות. מן הסתם איז נאך דא נאך וואס עס איז נישט געדרוקט.

**רבינו:** איך ווייס נישט, עס איז שוין כמעט אלעס געדרוקט.

**אב"ד אבני צדק:** ער האט געזאגט מן הסתם אסאך מער ווי עס שטייט אין **לחם שלמה**. אין **טיול בפרדס** און **אבני המקום** איז דא אזויפיל. עס איז אלעס פנינים יקרים, פלפול דרוש ואגדה, פלאי פלאות'דיגע זאכן.

**רבינו:** ער שרייבט אויפן **ישמח משה** אז ער האט געהאט אלע דריי מעלות וואס א מגיד דארף צו האבן, כדי מען זאל אננעמען די דרשות[א].

**אב"ד אבני צדק:** נאך וועם האט ער געהייסן שלמה זלמן?

**רבינו:** נאכן **יריעות שלמה.**

**אב"ד אבני צדק:** דער **מאקאווער רב.**

איך האב געזעהן א שיין ווארט פונעם **מאקאווער רב** (בעל יריעות שלמה) אויפן פסוק (תהלים מה-ג) *יפיפית מבני אדם הוצק חן בשפתותיך*, אז אמאל איז דא א מענטש וואס ער איז א שיינער בעל דרשן, ער איז א שיינער זאגער. אבער דאס איז דאך א מתנה פונעם אייבערשטען שיין צו זאגען. אבער דאס וואס א מענטש פלאגט זיך אליין, דאס איז א שיינקייט פונעם מענטש. *יפיפית מבני אדם*, דאס אז דו ביסט שיין פון מענטשען, אז *הוצק חן בשפתותיך*, אז דער אייבערשטער גיט חן בשפתותיך, דאס איז *על כן ברכך אלקים לעולם*, דאס גיט דאך א ברכה דער אייבערשטער, חגור חרבך על ירך גבור, דאס אז א מענטש שטארקט זיך אויף זיך אליין, דאס איז הודך והדרך.

**א' מהנוכחים:** דער **קאטמונער רב** אין תהלים (אז ידבר יהושע) האט אויך א טייטש אויף דעם על כן ברכך אלקים לעולם.

**רבינו:** על כן ברכך אלקים, דאס וואס דער באשעפער האט דיר געבענטשט, איז נישט אז דו זאלסט עס האלטן פאר דיר, נאר לעולם, דו זאלסט עס געבן פארן עולם[ב].

---

[א] ראה **בהקדמת לחם שלמה** (אות ס) וזה לשונו: הנה ידוע בשער בת רבים **שרבינו הגה"ק המחבר זצ"ל** היה דרשן גדול, והיה מעורר מאוד את שומעיו, וכמעט כל דרשה שלו היה אומר בבכיות, והיה מעורר גם את העם לבכי. – ועיין מה שכתב בספרו **טיול בפרדס** (ח"ב מערכת כ' אות ט"ז), דג' דברים מועילים שדברי הדורש יתקבלו מהשומעים. א' אם הדורש הוא בעל לשון ודברן. ב' אם אומר דברים מתוקים ונפלאים. ג' אם הוא צדיק וירא שמים. ובפרט כשהשלשה מעלות האלה נפגשים יחד, אז אין ערך להדורש ההוא. – וכתב שם שכפי הנראה מספר הק' **יערות דבש**, היה **הרבי ר' יונתן בעל התומים** זי"ע כזה, וכן כפי מה ששמע מאנשים ששמעו הדרשות מפי **הישמח משה זי"ע**, היה **הישמח משה** גם כן בג' מעלות האלה ע"ש בדפפ"ח. – ואצל רבינו מו"ז זצ"ל היו גם כן כל הג' מעלות הללו, היה דברן ודרשן גדול, ודורש דברים נפלאים, כאשר יראה הקורא בספר דרשות הזה, והיה גאון גדול צדיק וקדוש, על כן היה בכחו לעורר מאוד את שומעיו.

[ב] וזה תוכן דבריו: רחש לבי דבר טוב, אומר אני מעשי למלך, לשוני עט סופר מהיר, יפיפית מבני אדם, הוצק חן בשפתותיך, על כן ברכך אלקים לעולם (תהלים מה-ב). ונראה לפרש, כי בב' אופנים זוכה האדם להגיד דברים. הא', מפני שברוב יגיעתו בתורה הוא כמעין המתגבר, וכוחו בא ממקום חכמתו. והב' הוא בשביל זכות העולם, שרוצה הקב"ה להעמיד להם מנהיג ומוכיח לשמוע בקול דברו. והמבחן בזה, באם דבריו גם נושאים חן, אז בטח זה מאופן השני, דבלאו הכי לא רבים זוכים שיהללו דבריהם. וזהו שאמר דוד המלך ע"ה החילוקים הנ"ל, שהנני מכיר באם 'רחש לבי' דבר טוב, שממקור לבבי נתחדשו הדברים, אז אומר אני מעשי 'למלך' לשוני עט סופר מהיר, אשר לא רבים יחכמו ליהנות מכתיבתו, כי אין להם

### בענין ברכת תנחומין, אודות הנפטר הגדול זצ"ל וזקינו הגה"ק משאמלויא זצ"ל, ובענין להוציא הוצאות גדולות בחתונות וכדומה

**בנו אב"ד תו"א וומסב"ג:** דער **נייטרא רב זצ"ל** האט געשריבן אין א בריוו, פאר מיין זיידן דער **תולדות אהרן זצ"ל**, אויפן טאטן ז"ל, אז ער איז קדוש מרחם.

**האדמו"ר מדינוב:** כהן צדק אשר ליקח לעילום. דער טאטע ז"ל, דער **סאמבאטהעלער רב**, האט מיך זייער געהאלפן אין אנפאנג מיט ברית'ן. מיט אזא נעימות, און מיט אזא געדולד, איך בין מיטגעגאנגען מיט אים אסאך ברית'ן. לעולם אשמור לו חסדו.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט געהאט א עין יפה.

**האדמו"ר מדינוב:** כהן שדעתו יפה.

**רבינו:** די גמרא (יומא לח.) זאגט אויף בית גרמי, אז זיי האבן נישט געוואלט אויסלערנען קיין לחם הפנים, האט מען זיי נישט מזכיר געווען לשבח.

**האדמו"ר מדינוב:** עס קען זיין פארוואס מען האט איינגעפירט אזא נוסח, המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, פארוואס עפעס פונקט אזא נוסח. ווייל ווען איינער האט פארלוירן א אבידה, און מען זאגט אים, אז די אבידה איז טאקע זייער גרויס, אבער דו וועסט זעהן, אז דו וועסט טרעפן די אבידה מארגען. איז דאס א גרויסע נחמה פאר אים. אבער ווען איינער ווערט אן אבל חלילה, עס זאל מער נישט זיין, איז די אבידה זייער גרויס. אבער מהרה יבנה בית המקדש, אחכה לו בכל יום שיבוא, ממילא האפט מען שוין, אז מארגן וועט מען זיך שוין טרעפן מיט די גרויסע אבידה וואס איז אוועק. די אבלי ציון וירושלים זענען טאקע גרויסע אבלים, אבער זיי האפן אז זיי וועלן נישט זיין קיין אבלים צו לאנג, ווייל מהרה יבנה בית המקדש. ממילא איז דאס די גרעסטע נחמה, אז מען זאגט א מענטש, אז זיין אבלות וועט נישט לאנג דויערן. מהרה יבנה בית המקדש וועט דאך זיין תחיית המתים, און ממילא וועט ער זיך טרעפן מיט די אבידה נאכאמאל. דאס איז בדרך צחות.

**הרה"ג רבי אברהם לויפער שליט"א אב"ד דאראג:** עס שטייט אין ספרים, המקום, די פלאץ ווי ער האט געדינט דעם אייבערשטען, אויב דאס גייט אן ווייטער, דאס איז די נחמה.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** עס שטייט אין מדרש (איכ"ר ב-יז) כי גדול כים שברך (איכה ב-יג), מי שירפא שברו של ים, הוא ירפא לך.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** תוספות (קידושין לא:) ברענגט צו א משל, אז איינער האט פארלוירן עפעס אין א ברין פון וואסער, איז געקומען די בת מלך און זי האט אויך עפעס פארלוירן, האט ער זיך געפרייט, אז מען וועט שוין אויפזוכן איר אבידה, וועט מען שוין אויך טרעפן מיינס. ממילא, אז עס איז דא די גרויסע אבלי ציון וירושלים, אז מען וועט דאס מנחם זיין, וועט שוין אלעס ווערן מנוחם.

**האדמו"ר מדינוב:** די גמרא (ערכין טז:) זאגט, תמה אני אם יש בדור הזה מי שיכול להוכיח. ער איז געווען א יוכל להוכיח, פון אים האט מען מקבל געווען. מען האט געוואוסט אז דאס איז כולו לשם שמים, ער מיינט נישט זיך. אם יש בדור הזה מי שיוכל להוכיח, אינעם גאנצן דור האט מען נישט געקענט טרעפן איינער וואס קען, טאמער ער וועט זאגט טול קיסם מבין עיניך, וועט ער אים זאגן, טול קורה מבין עיניך. זעהט אויס, אז עס איז געווען שווער צו זאגן מוסר ווייל מען וועט עס נישט מקבל זיין, אפילו אין יענע יארן. אבער ווען ער האט געזאגט, האט מען זייער מקבל געווען.

**אב"ד תו"א וומסב"ג:** מיין שוואגער רבי בנציון (בן האדמו"ר מדינוב) האט אמאל געזאגט פאר מיין טאטן, אז זיין חברותא האט אים דערציילט, אז ער איז ערגץ א איידעם, און עס איז געווען א גאנצע עסק אין שטוב א וואך צייט, אז מען גייט קויפן א נייע קאר, וועלכע קאר מען זאל קויפן. די גאנצע משפחה איז געווען פארנומען וועלכע קאר מען גייט קויפן. ביז מען האט זיך געקענט מצמצם זיין וואס צו קויפן, איז שוין געווארן פרייטאג נאכמיטאג, און מען האט מחליט געווען אז מען גייט קויפן די און די קאר. און ער האט אויסגעשטעלט א

---

השגה. לא כן אם יפיפית מבני אדם והוצק חן בשפתותיך, אז הסימן על כן ברכך אלקים 'לעולם', בשביל העולם.

גאנצע פאר"ם וואס ער דארף אלץ. עס איז געווען א גאנצע שמחה אין שטוב.

יענעם שבת איז ער געקומען צו די פרקי אבות שיעור פונעם טאטן ז"ל, און פונקט דעמאלטס האט ער גערעדט אויף די ענין פון מותרות, אז דאס ברענגט אריין די כח הקליפות און די סטרא אחרא אינעם שטוב, און מען טאר נישט נאכגיין נאך די אלע זאכן. ער האט מאריך געווען אין דעם ענין, און דער יוד איז מורא'דיג נתעורר געווארן פון דעם. און ווען ער איז אהיימגעקומען מוצאי שבת האט ער געגומען דעם פאר"ם, און ער האט צוזאמגערופן אלע קינדער, און ער האט זיי געזאגט, איך בין געווען ביי א דרשה, און ער האט גערעדט פון דעם, אז מען דארף נישט האבן קיין מותרות. אונז דארף מיר מער נישט קיין קאר, און ער האט צוריסן דעם פאר"ם. און אלע שוועגערינס זענען געווען אזוי ברוגז אויף אים, אז ער האט אוועקגענומען זייער גאנצער שמחה, ווייל מיין טאטע איז דארט נתעורר געווארן, אונז ווארט מיר שוין אויף די נייע קאר.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** וואס מישט ער זיך אריין..

**הר"ר יצחק שרגא גראס הי"ו:** איינער איז אמאל געקומען צו **רבי חיים קניבסקי שליט"א**, אז ער האט געקויפט א נייע קאר, און ער האט מורא פון א עין הרע, ער דארף א ברכה. האט אים רבי חיים געפרעגט, דו האסט שוין געענדיגט ש"ס? האט ער געזאגט, ניין. כאטש איין מסכתא קענסטו אויסענווייניג? זאגט ער ניין. א פרק? ניין. זאגט ער אים, דארפסט נישט מורא האבן פון א עין הרע, קיינער איז דיך נישט מקנא... א חודש שפעטער איז ער צוריקגעקומען, אז רבי חיים זאל אים פארהערן. עס האט אים אזוי ווי' געטון די מעשה, אז ער האט אנגעהויבן צו לערנען. עס האט עפעס אויפגעטון.

**אב"ד דאראג:** מען דארף טאקע מעורר זיין, לעצטענס איז געווארן א נייע זאך, אז די עשירים מאכן חתונות, מען איז מפזר אפאר הונדערט טויזנט דאלער א נאכט, אויף לופט זאכען. ביז היינט איז געווען א בושה צו טון אזא זאך, אפילו פאר א עושר. מילא אז מען גיט ברייט צו עסן, א גרעסערע חתונה פאר נאך יודען, אבער אויף לופט זאכן, איבערמאכן ווענט, אנדערע מין בענקלעך און טישן, ממש לופט זאכען גיט מען אויס א פערטל מיליאן דאלער. מען זאגט, אז פאריגע וואך האט מען א דריי פיר מיליאן דאלער אויסגעגעבן אויף גאר גרויסע חתונות.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מען דארף נישט מורא האבן, עס איז נישט אייגן געלט...

**רבינו:** וואס ביי אייך איז נארישקייטן, איז ביי יענעם דאס גאנצע חיות. אויף דעם פלאגט ער זיך יארן.

**האדמו"ר מדינוב:** אביסל דארף מען מליץ יושר זיין. גערעכט זענט איר, אז מען טאר נישט מאכן אזעלכע חתונות, אבער אסאך פון די עשירים וואס מאכן די גרויסע חתונות, צאהלן אויס די זעלבע נאכט א חתונה פון א יתומה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** נישט קיין סאך. אפילו רבי מאיר דחייש למעוטי, ווייס איך נישט צו ער איז חייש פאר אזא מועט. ישראל קדושים הם.

**אב"ד דאראג:** אפילו ער צאלט אויס צען אזעלכע חתונות, האט ער נישט קיין רעכט דאס צו טון. יודען פלאגן זיך אויף לחם לאכול, און אז איינער קען גיין און ארויסווארפן טויזענטערס פאר אפאר נארישקייטן, דארף מען מעורר זיין. עס דארף זיין א בושה אין שטאט אז אזא זאך זאל געשעהן.

**בנו הרה"ג רבי חיים יהודא:** אז נישט לייגט ער עס אין באנק, וואס וועט ער טון מיט אזוי סאך געלט.

**אב"ד דאראג:** נישט קיין חילוק, דאס נישט.

**הרה"ג רבי חיים יהודא:** אזוי האט ער כאטש א גילט" קאנשע"ס, און בשעת די חתונה גיט ער כאטש צדקה.

**הרה"ג רבי משה אסטרייכער שליט"א דומ"ץ בארא פארק:** איך ווייס איינער וואס האט נישט, און ער האט נאכגעמאכט, ווייל מען וועט מיינען אז ער איז נישט אזא גרויסע עושר. דאס איז די פראבלעם.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דארט איז די פראבלעם, דאס נאכמאכן איז א גרויסע פראבלעם. דער עושר איז נישט אזוי געפערליך.

**האדמו"ר מדינוב:** מען פלעגט זאגן אויפן **אסטראווצער**, אז ער פלעגט פאסטן אפילו שבת. אמאל האט מען געפאקט איינעם וואס האט מחלל שבת געווען, ער האט געהאלטן די

געשעפט אפען. האט דער **אסטראווצער** אים גערופן, און ער האט אים געגעבן א מי שברך, דו מחלל שבת. האט יענער געזאגט, דער רבי איז אויך מחלל שבת, דער רבי פאסט אים שבת. האט ער געזאגט, אבער מיר ווערט מען נישט נאכטון...

**הר"ר יצחק שרגא גראס הי"ו:** ווען **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל** האט חתונה געמאכט, האט מען געגעבן אויף די חתונה נאר פיש, און דאס איז אויך פארדארבען געווארן. אינמיטן די חתונה איז ער צוגעגאנגען צו די קעטירער, און ער האט אים געזאגט, איך ווייס נישט צו מיין מחותן וועט וועלן באצאלען העלפט אויף העלפט, וויל איך מודע זיין אז טאמער ער וויל נישט באצאלען, וועל איך באצאלען די גאנצע נאכט. האט ער אים געזאגט, איר האט שוין פארשפעטיגט מיט צען מינוט, צען מינוט צוריק איז דער מחותן צוגעקומען צו מיר מיט די זעלבע דרשה. – אזאנס איז אויך דא.

**האדמו"ר מדינוב:** אין ארץ ישראל זאגט מען, אז עס איז דא אסאך ארימלייט, און א חתונה איז בלויז ברויט מיט דיפ"ס. האט איינער געזאגט, ווער האט שוין געגעבן דיפ"ס ביי א חתונה? עס איז א נייע זאך. האט ער אים געזאגט, מען געפונט אז בועז האט געזאגט פאר רות (רות ב-יד), וטבלת פתך בחומץ.

*

**א' מהנוכחים:** יודען זענען זייער נתעורר געווארן פון די דרשות. מען רעדט נאך אלץ פון די מאמרים ופתגמים וואס דער רב האט געזאגט ביי פרק, עס ליגט נאך אלץ אין דיביינער.

**האדמו"ר מדינוב:** ער האט אראפגעשריבן די פרק?

**אב"ד תו"א ומסב"ג:** ער פלעגט שרייבען וואס ער האט געזאגט, אבער נישט די גאנצע, נאר די טייטש. די מוסר שבו האט ער נישט פארשריבן.

**האדמו"ר מדינוב:** עס וואלט ווען מער ריוח געווען, ווען ער וואלט עס געזאגט אינדערוואכן, מען וואלט עס געקענט אויפכאפן אויף א טעיפ.

**א מהנוכחים:** ער האט אמאל געזאגט, אז מען טוט היינט זייער אסאך חסד, אבער די וואס רעדן ביים דאווענען, די זענען די גרעסטע פארברעכערס, זיי מאכן דאך אלע חלאים. ער האט אריינגעגעבן אינעם פינטעל אריין. ער האט נישט געזאגט נאר די משל, נאר די נמשל אויך...

**רבינו:** מען זאגט נאך, אז א מגיד האט אמאל געזאגט, אז ווען ער זאגט א משל, הערט יעדער אויס, אבער נמשל כבהמות נדמו (תהלים מט-כא), ווען עס קומט צום נמשל, זענען זיי אזוי ווי די בהמות.

*

**האדמו"ר מדינוב:** רבי חיים הערש עהרענרייך זאל זיין געזונט האט מיר אמאל געזאגט, אז דער **שאמלויא'ער רב זצ"ל הי"ד**, די נאכט פאר מען האט אים דעפארטירט, האט ער געענדיגט א חיבור אויפן **בעל המאור**. ער שרייבט צו, עת צרה היא ליעקב, און די דאטום איז א נאכט פארן דעפארטירן.

**רבינו:** עס איז דא א חיבור פון אים אויפן **בעל המאור, שמן למאור**.

**האדמו"ר מדינוב:** ער איז געלעגן אין לערנען תורה בעיון, ממש ביז די לעצטע מינוט, דעמאלטס האט ער מסיים געווען די חיבור. נפלא מאוד.

**האדמו"ר מדינוב:** איך האב אמאל דערציילט פארן **קלויזענבורגער רב זצ"ל** אז די לאנגע תוספות אין מרובה (בבא קמא עז.) האבן די בעלי תוספות געמאכט די נאכט פאר מען האט זיי געפירט על קידוש ה'. האט ער מיר געזאגט, אז ער האט מקובל די מעשה פון זיינע זיידעס, און עס איז דא א הוספה, ווי אזוי האבן זיי געקענט שרייבן דעם תוספות זייענדיג אין תפיסה, מען האט זיי דען געגעבן א פעדער און פאפיר? נאר זיי האבן געשניטן די פינגערס, און מיט די בלוט האבן זיי געשריבן אויף די ווענט פון די תפיסה.